**<u>חלק מהתוועדות יו"ד ניסן ה'תשל"ב</u>**

ומעניין לעניין באותו ענין, וואס דא קומט די הוראה אויך בנוגע צו הפצת המעינות חוצה, בשעת מען מאנט פון אים אז ער זאל ארויס גיין "אל מחוץ למחנה", צו ריידען מיט אידן בנוגע צו מצה שמורה, און מכירת חמץ, און די אנדערע הכנות צו פסח, ועד"ז בנוגע צו תפילין, וואס לכאורה קאן ער טענה'ן נאך וואס דארף ער ארויס גיין "אל מחוץ למחנה", וואס אין דעם זעלבן צייט וואלט ער געקאנט זיצען און לערנען, און דאוונען מיט כוונות עמוקות.

אויף דעם זאגט מען אין, אז פונקט אזוי ווי דער כהן האט געדארפט טאן די עבודה פון פנים, עד"ז האט ער געדארפט גיין "אל מחוץ למחנה", און ביז ער האט געהאט צייט אויף טאן ביידע ענינים, ביז אפי' ער האט געדארפט בייטען זיינע קליידער, זאגט מען אבער אז ער דארף טאן אויך די עבודה.

בנוגע צו מארגען זונטאג, וואס דאס איז דאך א יום חשוב לעצמו, במילא איז דא דער ענין, אז יעדער איינער וועט זיך משתתף זיין אין דעם ענין פון מבצע תפילין, איז דער וואס וועט דארפן האבן א פאר תפילין, זאל מען זיי געבען במתנה א פאר תפילין על חשבוני, אבער היות וואס מצות טוט מען דאך נישט בחנם, ווארום מען וויל דאך אז עס זאל נישט זיין קיין נהמא דכיסופא, דעריבער זאל מען נעמען פאר יעדער איינער א שקל אדער ווי מען זאגט נישט אין שבת געררעדט א דאלאר, און דאס זאל זיין אלץ זיין השתתפות בזה, און מען זאל נעמען פון אים זיין אדרעס בכדי מען זאל דאס קאנען צו אים שיקען, במילא איז אויף מארגען זאל מען מיט אים לייגען די תפילין, און אויף איבער מארגען זאל ער שוין באקומען זיינע תפילין.

---

**Extrait de la réunion (Farbrengeun)**
**Chabbath Paracha Tsav – Chabbath Hagadol**
**10 Nissan 5732 (1972)**

[Traduction libre]

[...] Pour rester dans le même sujet, il faut en tirer ici l’enseignement pour nous «des sources [de la ‘Hassidout] qui se répandent à l’extérieur» : Au moment où l’on attend de chacun qu’il agisse «en dehors du campement» qu’il discute avec un autre coreligionnaire de l’importance de la Matsa Chmoura, de la vente du ‘Hamets et des autres préparatifs pour Pessa’h. Il en est de même pour la Mitsva des Téfiline. A priori on pourrait opposer qu’il paraît étrange de devoir aller à l’extérieur, «en dehors du campement» alors que ce temps pourrait être consacré à une étude approfondie, à une prière faite avec recueillement.

A cela, on lui répond : C’est justement au grand prêtre sur lequel reposait tout le service le plus profond et intense [dans le Saint des Saints] que l’on demande de sortir «en dehors du campement» au point qu’il doive même changer de vêtements. On lui demande donc d’accomplir également son devoir à l’extérieur, de faire en sorte d’agir sur les deux tableaux.

En ce qui concerne demain, dimanche [jour exceptionnel du 11 Nissan], **il s’agit d’un jour marquant dans son essence.** Il faut donc que tous s’associent et s’investissent personnellement dans l’opération Téfiline. S’il s’avère que quelqu’un n’a pas de paire de Téfiline, il faut qu’on lui en fournisse gratuitement, sur mon décompte**.** Toutefois, puisque l’on ne se contente pas d’accomplir les Mitsvot sans contrepartie financière, de façon à ne pas infliger à quiconque un «assistanat humiliant» il faudra demander une participation symbolique d’un Chekel, ou selon l’expression consacrée : tout en sauvegardant le respect dû au Chabbat, un dollar. Ceci tiendra lieu de partenariat pour l’acquisition de la paire de Téfiline. Il ne faudra pas omettre de prendre tous les renseignements nécessaires ainsi que l’adresse pour faire parvenir les Téfiline à destination.

[…] En tout état de cause, demain dimanche, il faudra aider cet homme à mettre les Téfiline, et dès le surlendemain, il pourra utiliser les siennes propres.